1-טער יאָרגאַנג

נומער 2

# בלעטער

## פאַר אידישע דעמאָגראַפיע, סטאַטיסטיק און עקאָנאָמיק

## Blätter für Demographie, Statistik und Wirtschaftskunde der Juden

בערלין, 15 אַפּריל 1923 ערשיינט 8 מאָל אין יאָר

געגרינדעט פון דער אידישער וועלט-הילפס-קאָנפערענץ

# באַרדיטשעווער אידישע קהלה פון 1789 ביז 1917

(מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון באַרדיטשעווער קהלה)

יעקב לעשצינסקי

# Die Juden in Berditschew (Kiew. Gouv.) von 1789 bis 1917

(Zahl, wirtschaftliche Entwicklung und demographische Verhältnisse)

von Jakob Lestschinsky

די געשיכטע פון אידן אין רוסלאַנד, ריכטיגער געזאָגט, די געשיכטע פון אידן אין פוילן, אוקראַינע, ליטע א. א. וו. וואַרט נאָך אויף איר שאַפער און בויער. באַ איצטיגן מאָמענט פעלן נאָך גאָר אַ סך ציגל צום אמתן און פולשטענדיגן געשיכטליכן בנין פונם דאָזיגן רוב מנין פון אידישן פאָלק. נאָר אויב אין פרט פון אויספאָרשן און שטודירן די פּאָליטיש-רעכטליכע און קולטורעל-רעליגיעזע זייטן פון לעבן פון די אידן אין די דער-מאָנטע לענדער איז דאָך בערך אַ סך אויפגעטון, קאָן מען דאָס לחלוטין ניט זאָגן בנוגע צו די סאָציאַל-עקאָנאָמישע און דעמאָגראַפישע ערשיינונגען. דאָ מוז די אַרבעט אָנגעהויבן ווערן כמעט פון אָנהויב. און פּראָדוקטיוו און פרוכטבאַר וועט די דאָזיגע אַרבעט זיין נאָר דעמאָלט, ווען זי וועט אָנהויבן ניט פון טעאָרעטישע סיסטעמעס און אַבסטראַקטע סברות און קאָנ-צעפּציעס, נאָר פון זאַמלען און צונויפטראָגן מאַטעריאַלן, וואָס באַלייכטן איינצעלנע ווינקעלאַך פון לעבן אָדער דאָס לעבן פון איינצעלנע פונקטן אין דעם אָדער יענעם לאַנד אָדער קאַנט.

## I.

באַרדיטשעווער אידישע קהלה האָט געשפּילט אין דער ערש-טער העלפט פון 19-טן יאָרהונדערט אַ גאַנץ באַדייטנדיגע ראָלע אין לעבן פון אוקראַינישן אידנטום. די געשיכטע פון דער דאָ-זיגער ניט טיפּישער, נאָר זעהר כאַראַקטעריס-טישער אידישער קהלה שטעלט מיט זיך פאָר גאָר אַ גרויסן אינטערעס. באַרדיטשעווער קהלה פאַרדינט דעריבער געוויס אַ ספּעציעלע מאָנאָגראַפיע, נאָר צוליב אַ סך סבות און טעמים קאָנען מיר איצטער זיך ניט נעמען פאַר דער דאָזיגער אינטערע-סאַנטער און דאַנקבאַרער אַרבעט און מוזן זיך באַגנוגענען מיט מאַטעריאַלן, וואָס דאַרפן געלייגט ווערן אין יסוד פון אַזאַ אָפּ-האַנדלונג.

ראשית, ווי איז געוואַקסן די צאָל אידן אין באַרדיטשעוו פאַר די לעצטע 130 יאָר?

די צאָל אידן אין באַרדיטשעוו איז געווען:

Entwicklung der jüdischen Bevölkerung

| יאָר | צאָל אידן | צוואַקס אָדער פאַרקלענערונג |
|---|---|---|
| 1789 | 1,951 (* | – |
| 1847 | 23,160 | +21,209 |
| 1861 | 46,683 | +23,523 |
| 1897 | 41,617 | — 5,066 |
| 1914 | 55,876 | +14,259 |
| 1917 | 37,487 (** | —18,389 |

אָט די דאָזיגע ווייניגע ריין-כמותדיגע שורות שפּיגלען שוין אָפּ אין זיך אין אַ גרויסער מאָס די גאַנצע אַנטוויקלונג פון דער באַרדיטשעווער אידישער קהלה פאַר דער גענומענער צייט. פאַר די ערשטע 58 יאָר — פון 1789-טן ביז 1847-טן יאָר — וואַקסט די באַרדיטשעווער אידישע קהלה אויס מער ווי צ ע ן מאָל. אַז דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון אימיגראַציע פון דער אַרומיגער פּראָווינץ און ניט פון נאַטירליכן צוואַקס, פאַר-שפּאָר מען זאָגן. פון אַ קליינער ניט באַדייטנדיגער קהלה מיט בערך צוויי טויזנט אידישע נפשות צום סוף פון אַכצענטן יאָר-הונדערט וואַקסט באַרדיטשעווער קהלה אויס צו דער מיט פון 19-טן

*) די דאָזיגע ציפער ווייזט געוויס ניט די אמתע צאָל אידן צו יענער צייט אין באַרדיטשעוו. די אידישע באַפעלקערונג פלעגט זיך אויסדרייען פון די רעוויזיעס כדי זיך אַרויסמאַכן פונם קאָפּ-שטייער. זי איז אָבער ניט אויך אַזוי פיל ווייט פון דער אמתער לאַגע, אַז זי זאָל ניט קאָנען דינען פאַר פאַרגלייכנדיגע צוועקן. וועגן די דאַטן פון 1847 זעה ווייטער אין טעקסט.

**) אָן די אידישע מיליטער-לייט.

יאָרהונדערט אין אַ גרויסע געמיינדע מיט העכער צוואַנציג טויזנט אידן. דאָס איז די צייט פון דער ערשטער אויפבליהונג פון באַר־דיטשעווער האַנדל—באַרדיטשעוו ווערט אַ גרויסער האַנדלס־צענטער און אויך אַ צענטער פון קליין־פאַבריקאַציע פאַר אַ גאַנץ היפשן קאַנט פון אוקראַינע. נאָך דער ערשטער אָרגאַנישער און פּאַמע־ליכער אַנטוויקלונג קומט דער שוואונג פון די 50 און 60־ער יאָרן. דער אינווייניגסטער מאַרק וואַקסט אין אוקראַינע גיך און אינ־טענסיוו און די קאָנקורענטן פון באַרדיטשעוו — וואַרשע און אדעס — זיינען נאָך שוואַך און דערצו האָבן זיי נאָך גאָר שוואַ־כע פאַרבינדונגען מיט וואָלינער און פּאָדאָלער געגנטן. באַר־דיטשעוו מאַכט גרויסע ערפאָלגן אין פאַבריקאַציע, מסחר און האַנדל — און די אידישע באַפעלקערונג פאַרדאָפּלט זיך אין אַ משך פון אַזוינע 14 יאָר — פון 1847־טן ביז 1861־טן יאָר. באַרדיטשעוו פאַרמאָגט דעמאָלט כמעט פופציג טויזנט אידן און איז די גרעסטע אידישע קהלה אין גאַנץ רוסלאַנד, און נאָר איין וואַרשע קאָן מיט איר קאָנקורירן אין דעם פּרט.

פון דעמאָלט אָן אָבער הויבט זיך אָן דאָס פאַלן פון באַר־דיטשעוו און פון באַרדיטשעווער אידישער קהלה. די לעצטע ראַנגלט זיך פאַר איר פּלאַץ אין דער האַנדלס־וועלט; זי האַלט אָפּ, אמת זעהר זעלטן, יחוסות, נאָר צום גלאַנץ פון דער ער־שטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט קומט זי ניט. פון 1861־טן ביז 1897־טן יאָר, פאַר די דאָזיגע 36 יאָר פון געוואַלדיג גרויסער, כמעט פיבערישער אַנטוויקלונג פון אידישן מסחר און באַזונדערס פון אידישער פאַבריקאַציע — אָט אין משך פון די דאָזיגע יאָרן ווערט פאַרקלענערט אפילו די אַ ב ס אָ ל ו ט ע צאָל אידן אין באַרדיטשעוו. ניט נאָר דער נאַטירליכער צוואַקס, וואָס פאַר 36 יאָר האָט ער באַדאַרפט אויסמאַכן בערך קרוב צו פ ו פ צ י ג טויזנט נפשות, איז אָפּגעפאָרן פון באַרדיטשעוו, נאָר פון קרן האָט די אידישע קהלה פאַרלאָרן מער פון פינף טויזנט אידן. די אויסגעוואַקסענע קאָנקורענטן — וואַרשע און אדעס — נע־מען צו בײַ באַרדיטשעוו ניט נאָר דעם טויטן מאַרק, נאָר אויך דעם לעבעדיגן מענשן־מאַטעריאַל, וואָס האָט געבראַכט די דאָזיגע אידישע קהלה צו דער הויכער און חשובער מדרגה, אויף וועל־כער זי איז געשטאַנען אין דער מיט פון 19־טן יאָרהונדערט. די לאַגע בייט זיך אַביסל צו גוטן אין אָנהויב פון צוואַנציגסטן יאָר־הונדערט, ווען באַרדיטשעווער אידן גיט זיך איין נאָכצוטוען וואַרשעווער קליין־פאַבריקאַציע־מעטאָדן און אַנטוויקלען בײַ זיך איינינע גאַלאַנטעריי־ און לעדער־אַרטיקלען — פון 41,617 אידן אין 1897־טן יאָר וואַקסט די קהלה אויס ביז 55,876 נפשות אין 1914־טן יאָר. ס'קומט אָבער די מלחמה; באַרדיטשעוו איז נאָ־הענט צום פראָנט — און אין 1917־טן יאָר טרעפן מיר שוין דאָרט נאָר 37,487 אידן, ווייניגער ווי אין 1861־טן יאָר.

לאָמיר איבערגיין צו איינינע דעמאָגראַפישע סימנים פון די באַרדיטשעווער אידן.

אין 1789־טן יאָר איז געווען אויף 976 מענער 975 פרויען, אָדער אויף יעדע הונדערט מאַנסבלען איז געווען 99,89 פרויען. אין 1847־טן יאָר איז געווען אויף 9586 מענער 13,574 פרויען, אָדער אויף יעדע הונדערט מענער 141,60 פרויען. די לעצטע ציפערן זייען געוויס ניט קיין ריכטיגע און מען קאָן אויף זיי ניט בויען. ס'איז באַקאַנט, אַז אין ניקאָלאַי דעם ערשטנס צייטן האָט די אידישע מאַנסבילשע באַפעלקערונג אויסגעמיטן די רע־וויזיעס און זי האָט געהאַט גענוג גרונט דערצו. אַ סך ריכטיגער און אמתער זיינען די דאַטן וועגן די באַשעפטיגונגען פון די באַר־דיטשעווער אידן, וועלכע מיר ברייגנען נידריגער. פון די דאָ־זיגע דאַטן זעהען מיר, אַז אין 1849־טן יאָר איז געווען אויף 14,162 מענער 14,475 פרויען אָדער אויף יעדע הונדערט מאַנסבלען איז געווען 102,21 פרויען. אין 1897־טן יאָר איז געווען אויף יעדע הונדערט מאַנסבלען 111,38 פרויען.

מיר זעהען אַלזאָ, אַז אויף הונדערט מאַנסבלען איז געווען:

אין 1789־טן יאָר — 99,89 פרויען
אין 1849 „ „ — 102,21 „
אין 1897 „ „ — 111,38 „

נאָר אַ שטאָט, וואָס גיט אַ גרויסע צאָל עמיגראַנטן, קאָן האָבן אַזאַ גרויסע צאָל פרויען, ווי בײַ באַרדיטשעווער אידן אין 1897־טן יאָר. און פאַרגלייכט מען די באַרדיטשעווער אידן מיט די אידן פון גאַנץ קיעווער גובערניע אָדער מיט די אידן פון שטעט פון איין טיפּ מיט באַרדיטשעוו צייגט מען זיך גרינג איבער אין דעם דאָזיגן אמת. אין גאַנץ קיעווער גובערניע איז געווען בײַ די אידן אין 1897־טן יאָר אויף הונדערט מאַנסבלען 107,0 פרויען; אין שטעט מיט אַ צאָל איינוואוינער פון 50 ביז 100 טויזנט איז געווען אין דעם אייגענעם יאָר אויף הונדערט מאַנס־בלען 106,4 פרויען. ס'איז קלאָר אַלזאָ, אַז באַרדיטשעווער אידן האָבן אין דער צייט, וואָס פאַרן 1897־טן יאָר, געהאַט אַ גרויסע עמיגראַציע, אַ גרעסערע ווי אין דער גובערניע און ווי אין שטעט פון איר גלייכנס. דאָס באַשטעטיגט בכן די אויספירו־נגען וועגן דער ירידה פון באַרדיטשעווער אידישער קהלה אין דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט.

פון 1951 נפשות אין 1789־טן יאָר איז געווען קינדער אינגער פון איין יאָר הונדערט — פון יעדע הונדערט אידישע נפשות איז געווען דעמאָלט 5,12 קינדער אינגער פון אַ יאָר. אין 1897־טן יאָר איז שוין געווען בײַ די באַרדיטשעווער אידן סך־הכל 2,98 פראָצענט קינדער אינגער פון איין יאָר, כמעט צוויי מאָל ווייניגער ווי אין 1789־טן יאָר. און מען מוז געדיינקען, אַז באַרדיטשעווער קהלה איז ניט נאָר ניט געווען אין 1789־טן יאָר קיין אויסנאַם אין דעם פּרט, נאָר פאַרקערט, זי האָט געהאַט אין פאַרגלייך מיט אַנדערע קהלות, ניט קיין הויכן פראָצענט קינדער אינגער פון אַ יאָר. אַזוי, למשל, איז אין זשיטאָמיר אין דעם אייגענעם יאָר געווען 11,6 און אין טשודנאָוו 6,0 פראָצענט קינדער אינגער פון אַ יאָר. פון די נאָר וואָס גע־בראַכטע דאַטן וועגן די קינדער אינגער פון אַ יאָר קאָן מען קומען צום אויספיר, אַז פאַרן ניינצענטן יאָרהונדערט האָט זיך די צאָל געבוירענע בײַ די באַרדיטשעווער אידן פאַרקלענערט.

אַ סך מערערע און אינטערעסאַנטערע ידיעות פאַרמאָגן מיר וועגן סאָציאַלן בוי פון דער באַרדיטשעווער אידישער קהלה.

לויט דער ציילונג פון 1789־טן יאָר האָבן די באַרדיטשע־ווער אידן געצויגן חיונה פון פאָלגנדיגע באַשעפטיגונגען:

Berufsgruppierung 1789

| באַשעפטיגונג | מענער | פרויען | קינדער ביז אַ יאָר | קינדער עלטער פון אַ יאָר | צוזאַמען |
|---|---|---|---|---|---|
| שיינקער | 115 | 131 | 23 | 205 | 474 |
| הויז־באַזיצער | 210 | 242 | 28 | 186 | 666 |
| קרעמער | 65 | 69 | 11 | 103 | 248 |
| בעלי־מלאכות | 95 | 93 | 12 | 98 | 298 |
| משרתים און דינסטן | 76 | 74 | 24 | 26 | 200 |
| אָן באַשטימטע פּראָפעסיעס | 26 | 30 | 2 | 7 | 65 |
| סך־הכל | 587 | 639 | 100 | 625 | 1951 |

ראשית דאַרף מען בּאַמערקן, אַז די קאַטעגאָריע הויז־בּאַזיצער איז געווים בּאַשטאַנען פון אַרענדאַרן, סוחרים און אַנדערע פאַר־מיטלערישע עלעמענטן. די הויז־בּאַזיצער וועלן דעריבּער בּאַ אונז אימיטום פאַררעכנט ווערן צווישן די פאַרמיטלערישע קלאַסן.

טיילן מיר אַלע איינוואוינער פון בּאַרדיטשעוו לויט דעם מקור פון פּרנסה, לויט דעם, פון וואָס זיי האָבּן בּאַקומען חיונה, קאָן מען איינשטעלן דריי גרופּעס:

1) פאַרמיטלער פון פאַרשיידענע מינים (שיינקער, קרעמער און הויז־בּאַזיצער).

2) אַרבּעטנדיגע עלעמענטן (בּעלי־מלאכות און משרתים און דינסטן).

3) אָן בּאַשטימטע פּראָפעסיעס, פון וועלכע די מערהייט זיינען געווען מסתמא אָרימע לייט, וואָס האָבּן געלעבּט אויפן השבּון פון קהל.

לויט דעם דאָזיגן טיילן קומט אויס, אַז 1) פון פאַרמיטלעריי האָבּן געלעבּט אין בּאַרדיטשעוו 1388 אידישע נפשות — 71,17 פּראָצענט פון אַלע אידן; 2) פון אַרבּעט — 498 נפשות אָדער 25,53 פּראָצענט און 3) פון ניט בּאַשטימטע פּראָפעסיעס, ריכ־טיגער פון צדקה — 65 נפשות אָדער 3,30 פּראָצענט.

די שינקעריי האָט צו יענער צייט, צום סוף פון אַכטצענטן יאָרהונדערט, פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט אין עקאָנאָמישן לעבּן פון אוקראַאינישן אידנטום און אפילו אין אַזאַ בּערך גרויסע קהלה, ווי די בּאַרדיטשעווער, פאַרנעמט די דאָזיגע פּרנסה דעם אויבּן־אָן. פון שינקעריי האָבּן געלעבּט דעמאָלט אין בּאַרדיטשעוו 474 נפשות אָדער 24,3 פּראָצענט, ווען פון מלאכה האָבּן געצויגן חיונה סך־הכל 298 נפשות אָדער 15,3 פּראָצענט.

מיר קאָנען ניט טיילן די דעמאָלטיגע אידישע בּאַפעלקערונג פון בּאַרדיטשעוו אויף אַקטיווע און פּאַסיווע עלעמענטן, ווייל מיר ווייסן ניט, אויף וויפיל די פרויען און אויך די דערוואַקסענע קינדער זיינען געווען בּאַטייליגט אין דער פּרנסה פונם הויפּט־גליד פון דער פאַמיליע. די צאָל אָבּער פרויען און קינדער, וואָס ס'קומט אָן אויף איין דערוואַקסענעם מאַנסביל, וועלכער איז גע־ווים אָפט ניט נאָר דער הויפּט פּרנסה־געבּער, נאָר אויך דער איינציגער פּרנסה־געבּער אין דער פאַמיליע, איז געווים זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר דער עקאָנאָמישער לאַגע פון יעדער פּראָ־פעסיאָנעלער גרופּע. מיר וועלן דערום בּריינגען די דורכשניט־ליכע צאָל פרויען און קינדער אויף איין הויפּט פּרנסה־געבּער בּאַ פאַרשיידענע פּראָפעסיאָנעלע גרופּעס.

די דורכשניטליכע צאָל פרויען און קינדער אויף איין הויפּט פּרנסה־געבּער איז געווען:

| | |
|---|---|
| 1) בּאַ שיינקערס | 3,12 |
| „ הויז־בּאַזיצער | 2,17 |
| „ קרעמער | 2,81 |
| „ פאַרמיטלער בּכלל | 2,56 |
| בּאַ בּעלי־מלאכות | 2,13 |
| „ משרתים און דינסטן | 1,63 |
| „ אַרבּעטנדיגע עלעמענטן | 1,91 |
| בּאַ ניט בּאַשטימטע פּראָפעסיעס | 1,50 |
| „ דער גאַנצער בּאַפעלקערונג | 2,32 |

מיר זעהען, אַז בּאַ די פאַרמיטלער האָט יעדער ראש פון ־ער פאַמיליע אויסגעהאַלטן אַ גרעסערע צאָל פּאַסיווע עלעמענטן, ־י בּאַ די אַרבּעטנדיגע עלעמענטן. מען דאַרף אָבּער נעדיינקן, אַז בּאַ די פאַרמיטלער, בּאַזונדערס בּאַ די שיינקערס, האָבּן זיך די פּאַסיווע מיטגלידער פון דער פאַמיליע אין אַ גאַנץ גרויסער מאָס בּאַטייליגט אין דער בּאַשעפטיגונג. אַלנפאַלס איז קלאָר, אַז יעדע פאַרמיטלעריי־פּרנסה האָט געגעבּן מער מעגליכקייטן צום אויסהאַלטן אַ גרעסערע פאַמיליע, ווי וועלכע ס'ניט איז אַרבּעטס־בּאַשעפטיגונג.

II

ווענן דער בּאַרדיטשעווער קהלה אין מיט'ן פון 19־טן יאָר־הונדערט פאַרמאָגן מיר אַ סך אינטערעסאַנטערן און זאַפטיגערן מאַטעריאַל, ווי דער אויבּן־געבּראַכטער.

די טאַבּעלע I, וואָס גיט אונז די בּאַשעפטיגונגען פון די בּאַרדיטשעווער אידן אין 1849־טן יאָר, בּריינגען מיר כמעט אָן ענדערונגען אַזוי, ווי זי איז געבּראַכט בּאַ פ ו נ ד ו ק ל י י ע ן אין בּוך (זעה סוף אַרטיקל). מיר האָבּן נאָר געמאַכט די אָפּטיילן און די סוב־אָפּטיילן; האָבּן אויסגערעכנט די פּראָצענטן פון רייכע, מיטעלע און אָרימע אין יעדער גרופּע און האָבּן אונטערגעפירט די סך־הכל'ס. פונדוקליי האָט, ווי ס'ווייזט אויס, אָפּגעשריבּן די טאַבּעלע פון די בּיכער פון קהל. אויב בּנוגע צום בּאַשטימען די מאַטעריעלע לאַגע פון די איינוואוינער האָט געקאָנט זיין און ס'איז מסתמא געווים געווען געגנג מיסבּרויכן, איז נימאָ קיין שום גרונט צו שטעלן אין ספק די דאַטן בּנוגע צו דער פּראָפעסיאָ־נעלער אָנגעהעריגקייט. דאָך האַלטן מיר פאַר מעגליך אויס־נוצן אויך די טיילונג אויף דריי קאַטעגאָריעס — רייכע, מיטעלע און אָרעמע —, מחמת, ראשית, בּאַ גרויסע צאָלן, ווי אין געגעבּענעם פאַל, ווערן די מיסבּרויכן בּטל בּששים און, שנית, ווייזט זיך אַרויס פונם מאַטעריאַל אַליין, אַז די דאָזיגע טיילונג איז ניט סותר די אויספירן, וואָס מען קאָן מאַכן פון די דאַטן וועגן דער פּראָפעסיאָנעלער אָנגעהעריגקייט.

מיר גייען איבּער צום אינהאַלט פון דער טאַבּעלע. לויט דער דאָזיגער טאַבּעלע קומט אויס, אַז דורכשניטליך פאַלט אויף איין פאַמיליע 6,34 נפשות. אינטערעסאַנט איז, וואָס שוין דע־מאָלט, צוריק מיט 70 יאָר, האָט די רייכע פאַמיליע געהאַט ווי־ניגער קינדער ווי די אָרימע. אַזוי איז אויסגעקומען נפשות אויף איין משפּחה:

| | |
|---|---|
| 1) בּאַ די רייכע | 5,75 |
| 2) „ „ מיטעלע | 5,97 |
| 3) „ „ אָרימע | 6,48 |

דאָס זעלבּע חזרט זיך איבּער, ווען מיר נעמען די דורכ־שניטליכע צאָל נפשות אויף איין פאַמיליע בּאַ בּאַזונדערע סאָ־ציאַלע אָדער פּראָפעסיאָנעלע קאַטעגאָריעס. אַזוי איז אויסגע־קומען אויף איין משפּחה נפשות:

| | |
|---|---|
| 1) בּאַ די פאַרמיטלער | 5,73 |
| 2) „ „ אַרבּעטנדיגע | 5,83 |
| 3) „ „ אומבּאַשטימטע פּראָפעסיעס | 7,04 |
| 4) „ „ טאָג־אַרבּעטער | 7,72 |

פון דערזעלבּער טאַבּעלע I זעהען מיר, אַז נאָר 3,9 פּראָ־צענט פון אַלע בּאַרדיטשעווער אידן זיינען צוגערעכנט געוואָרן צו די רייכע; 18,1 פּראָצענט צו די מיטעלע און גאַנצע 78,0 פּראָ־צענט — מער פון דריי פערטל — האָבּן געהערט צו דער קאַ־טעגאָריע אָרימע.

דער מחבר, בּאַ וועלכן מיר האָבּן גענומען די געבּראַכטע טאַ־בּעלע, מאָלט אַזוי דאָס לעבּן פון די דאַמאָלטיגע בּאַרדיטשעווער אידן:

טאַבעלע I

# די באַשעפטיגונגען פון די אידן אין באַרדיטשעוו (1849)

## Die Berufe der Juden in Berditschew (1849)

| באַשעפטיגונגען / סאָציאַלע גרופּעס | רייכע: צאָל די משפחות | רייכע: מענער | רייכע: פרויען | רייכע: סך־הכל | מיטעלע: צאָל די משפחות | מיטעלע: מענער | מיטעלע: פרויען | מיטעלע: סך־הכל | אָרימע: צאָל די משפחות | אָרימע: מענער | אָרימע: פרויען | אָרימע: סך־הכל | סך־הכל: צאָל די משפחות | סך־הכל: מענער | סך־הכל: פרויען | סך־הכל: סך־הכל |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| **I. פּאַרמיטלער־קלאַסן** | | | | | | | | | | | | | | | | |
| א) באַנקירן קאַפּיטאַליסטן און פאַבריקאַנטן | | | | | | | | | | | | | | | | |
| 1) באַנקירן | 8 | 47 | 49 | 96 | — | — | — | — | — | — | — | — | 8 | 47 | 49 | 96 |
| 2) קאַפּיטאַליסטן וואָס לעבן פון הכנסה פון זייערע הייזער און פענסיאָנערן | 7 | 10 | 12 | 22 | — | — | — | — | — | — | — | — | 7 | 10 | 12 | 22 |
| 3) פאַבריקאַנטן פון קאָרט | 1 | 1 | 1 | 2 | — | — | — | — | — | — | — | — | 1 | 1 | 1 | 2 |
| 4) פאַבריקאַנטן פון טאַבאַק און סיגאַרן | 1 | 3 | 2 | 5 | 9 | 31 | 28 | 59 | — | — | — | — | 10 | 31 | 30 | 64 |
| סך־הכל אין גרופּע „א" | 17 | 61 | 64 | 125 | 9 | 31 | 28 | 59 | — | — | — | — | 26 | 92 | 92 | 184 |
| אין %% | | 67,9 | | | | 32,1 | | | | — | | | | 100,0 | | |
| ב) אַרענדאַרן | | | | | | | | | | | | | | | | |
| 1) אַרענדאַרן פון משקאות | 9 | 17 | 24 | 41 | — | — | — | — | — | — | — | — | 9 | 17 | 24 | 41 |
| 2) „ „ ציִנז פון האַנדל | 1 | 4 | 5 | 9 | — | — | — | — | — | — | — | — | 1 | 4 | 5 | 9 |
| 3) „ „ ציִנז פון מילן | 2 | 7 | 6 | 13 | — | — | — | — | — | — | — | — | 2 | 7 | 6 | 13 |
| 4) „ „ ציִנז פון ביר־קאָכן און ווייִנען | 2 | 7 | 11 | 18 | — | — | — | — | — | — | — | — | 2 | 7 | 11 | 18 |
| 5) „ „ פּליטש־טאַקסע | 1 | 3 | 6 | 9 | — | — | — | — | — | — | — | — | 1 | 3 | 6 | 9 |
| 6) „ „ שטייער אויף הייזער און קלייטן | 1 | 3 | 2 | 5 | — | — | — | — | — | — | — | — | 1 | 3 | 2 | 5 |
| 7) „ „ ציִנז פון וואָגן | 1 | 4 | 5 | 9 | — | — | — | — | — | — | — | — | 1 | 4 | 5 | 9 |
| 8) „ „ ציִנז פון פאַרקויפן דזעגאַכץ | 1 | 3 | 1 | 4 | — | — | — | — | — | — | — | — | 1 | 3 | 1 | 4 |
| 9) „ „ ציִנז פון פּאַשע | — | — | — | — | 1 | 2 | 3 | 5 | — | — | — | — | 1 | 2 | 3 | 5 |
| 10) „ „ ציִנז פאַר פיש־כאַפּן | — | — | — | — | — | — | — | — | 2 | 5 | 6 | 11 | 2 | 5 | 6 | 11 |
| סך־הכל אין גרופּע „ב" | 18 | 48 | 60 | 108 | 1 | 2 | 3 | 5 | 2 | 5 | 6 | 11 | 21 | 55 | 69 | 124 |
| אין %% | | 87,1 | | | | 4,0 | | | | 8,9 | | | | 100,0 | | |
| ג) שייִנקערס | | | | | | | | | | | | | | | | |
| 1) אַרענדאַרן פון טראַקטירן | 1 | 2 | 1 | 3 | — | — | — | — | — | — | — | — | 1 | 2 | 1 | 3 |
| 2) „ „ גאַר־קיכן | 13 | 40 | 41 | 81 | 11 | 33 | 29 | 62 | 4 | 15 | 14 | 29 | 28 | 88 | 84 | 172 |
| 3) „ „ שייִנקען | 19 | 59 | 52 | 111 | 107 | 319 | 313 | 632 | 179 | 441 | 446 | 887 | 305 | 819 | 811 | 1630 |
| סך־הכל אין גרופּע „ג" | 33 | 101 | 94 | 195 | 118 | 352 | 342 | 694 | 183 | 456 | 460 | 916 | 334 | 909 | 896 | 1805 |
| אין %% | | 10,8 | | | | 38,4 | | | | 50,8 | | | | 100,0 | | |
| ד) קרעמער׳ וואָס פאַרקויפן: | | | | | | | | | | | | | | | | |
| 1) שפּאַנישע וואָל | 2 | 7 | 5 | 12 | — | — | — | — | — | — | — | — | 2 | 7 | 5 | 12 |
| 2) וואָלענע סחורות | 2 | 6 | 7 | 13 | 12 | 36 | 38 | 74 | 9 | 33 | 34 | 67 | 23 | 75 | 79 | 154 |
| 3) זייַדענע סחורות | 6 | 17 | 15 | 32 | 26 | 63 | 65 | 128 | 36 | 85 | 89 | 174 | 68 | 165 | 169 | 334 |
| 4) בייַוועלנע שטאָפן | 10 | 27 | 23 | 50 | 26 | 58 | 61 | 119 | 29 | 66 | 68 | 134 | 65 | 151 | 152 | 303 |
| 5) קאָרט | 1 | 2 | 3 | 5 | 3 | 12 | 13 | 25 | 2 | 6 | 5 | 11 | 6 | 20 | 21 | 41 |
| 6) געוואַנט | 5 | 24 | 22 | 46 | 4 | 20 | 14 | 34 | 3 | 18 | 14 | 32 | 12 | 62 | 50 | 112 |
| 7) בייַוועל | 2 | 5 | 6 | 11 | 4 | 16 | 14 | 20 | 6 | 24 | 23 | 47 | 12 | 45 | 43 | 88 |
| 8) רויכוואַרג | 2 | 7 | 6 | 13 | 6 | 19 | 17 | 36 | 4 | 16 | 15 | 32 | 12 | 42 | 39 | 81 |

(המשך)

| באַשעפטיגונגען / סאָציאַלע גרופּעס | רייכע: די צאל משפחות | רייכע: מענער | רייכע: פרויען | רייכע: סך־הכל | מיטעלע: די צאל משפחות | מיטעלע: מענער | מיטעלע: פרויען | מיטעלע: סך־הכל | אָרימע: די צאל משפחות | אָרימע: מענער | אָרימע: פרויען | אָרימע: סך־הכל | סך־הכל: די צאל משפחות | סך־הכל: מענער | סך־הכל: פרויען | סך־הכל: סך־הכל |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 9) גאַלאַנטעריי־סחורות | 10 | 29 | 31 | 60 | 18 | 44 | 47 | 91 | 17 | 42 | 45 | 87 | 45 | 115 | 123 | 238 |
| 10) שרייב־פּאַפּיר | 1 | 2 | 1 | 3 | 2 | 6 | 7 | 13 | 3 | 9 | 11 | 20 | 6 | 17 | 19 | 36 |
| 12) מעטאַל־סחורות | 4 | 10 | 11 | 21 | 17 | 51 | 58 | 109 | 9 | 26 | 24 | 50 | 30 | 87 | 93 | 180 |
| 11) באַקאַליי | 18 | 54 | 57 | 111 | 18 | 47 | 48 | 95 | 13 | 53 | 55 | 108 | 54 | 154 | 160 | 314 |
| 13) האָניג | 3 | 8 | 9 | 17 | 5 | 15 | 17 | 32 | 6 | 25 | 26 | 51 | 14 | 48 | 52 | 100 |
| 14) וואַקס | 2 | 6 | 5 | 11 | 3 | 9 | 11 | 20 | 4 | 17 | 12 | 29 | 9 | 32 | 28 | 60 |
| 15) זייף | 1 | 3 | 2 | 5 | 2 | 5 | 6 | 11 | 1 | 3 | 4 | 7 | 4 | 11 | 12 | 23 |
| 16) לעדערוואַרג | 5 | 16 | 22 | 38 | 9 | 27 | 27 | 54 | 5 | 16 | 15 | 31 | 19 | 59 | 64 | 123 |
| 17) מעל | 6 | 16 | 15 | 31 | 4 | 16 | 14 | 30 | — | — | — | — | 10 | 32 | 29 | 61 |
| 18) פלאַקס | 1 | 4 | 2 | 6 | — | — | — | — | — | — | — | — | 1 | 4 | 2 | 6 |
| 19) זאַלץ | 2 | 7 | 7 | 14 | 6 | 21 | 24 | 45 | 7 | 24 | 25 | 49 | 15 | 52 | 56 | 108 |
| 20) געזאַלצענע פיש | 4 | 11 | 9 | 20 | 7 | 25 | 23 | 48 | 8 | 34 | 33 | 67 | 19 | 70 | 65 | 135 |
| 21) האָר און חזיר־האָר | — | — | — | — | 5 | 11 | 9 | 20 | — | — | — | — | 5 | 11 | 9 | 20 |
| 22) געהילץ | — | — | — | — | — | — | — | — | 49 | 121 | 137 | 258 | 49 | 121 | 137 | 258 |
| 23) טאַנדעטניקעס פון פּאָרטיגע קליידער און פון אַנדערע זאַכן | — | — | — | — | — | — | — | — | 48 | 153 | 149 | 302 | 48 | 153 | 149 | 302 |
| סך־הכל אין גרופּע „ד" | 87 | 261 | 258 | 519 | 177 | 501 | 513 | 1014 | 264 | 771 | 785 | 1556 | 528 | 1533 | 1556 | 3089 |
| אין %% | 16,8 | | | | 32,8 | | | | 50,4 | | | | 100,0 | | | |
| ה· קאָמיסיאָנערן | 11 | 39 | 31 | 70 | 17 | 59 | 57 | 116 | — | — | — | — | 28 | 98 | 88 | 186 |
| אין %% | 37,6 | | | | 62,4 | | | | | | | | 100,0 | | | |
| ו· פאַקטאָרן | — | — | — | — | — | — | — | — | 157 | 451 | 429 | 880 | 157 | 451 | 429 | 880 |
| אין %% | | | | | | | | | 100,0 | | | | 100,0 | | | |
| ז· ליוועראַנטן | — | — | — | — | 12 | 35 | 38 | 73 | 9 | 28 | 27 | 55 | 21 | 63 | 65 | 128 |
| אין %% | | | | | 57,0 | | | | 43,0 | | | | 100,0 | | | |
| סך־הכל אין אפטייל „I" | 166 | 510 | 507 | 1017 | 334 | 980 | 981 | 1961 | 615 | 1711 | 1707 | 3418 | 1115 | 3201 | 3195 | 6396 |
| אין %% | 15,9 | | | | 30,7 | | | | 53,4 | | | | 100,0 | | | |
| II. אַרבעטנדיגע קלאַסן | | | | | | | | | | | | | | | | |
| א) קליינע פאַבריקאַנטן: | | | | | | | | | | | | | | | | |
| 1) וואָס מאַכן זייף | — | — | — | — | — | — | — | — | 3 | 9 | 11 | 20 | 3 | 9 | 11 | 20 |
| 2) „ „ ליכט | — | — | — | — | — | — | — | — | 1 | 3 | 2 | 5 | 1 | 3 | 2 | 5 |
| 3) „ „ בוימאייל | — | — | — | — | — | — | — | — | 2 | 6 | 8 | 14 | 2 | 6 | 8 | 14 |
| 4) „ קאָכן ביר | — | — | — | — | — | — | — | — | 1 | 2 | 3 | 5 | 1 | 2 | 3 | 5 |
| 5) „ מאַכן מאַקאַראָנעס | — | — | — | — | 1 | 3 | 2 | 5 | — | — | — | — | 1 | 3 | 2 | 5 |

(המשך)

| סאָציאַלע גרופּעס / באַשעפטיגונגען | רייכע: משפחות די צאָל | רייכע: מענער | רייכע: פרויען | רייכע: סך־הכל | מיטעלע: משפחות די צאָל | מיטעלע: מענער | מיטעלע: פרויען | מיטעלע: סך־הכל | אָרימע: משפחות די צאָל | אָרימע: מענער | אָרימע: פרויען | אָרימע: סך־הכל | סך־הכל: משפחות די צאָל | סך־הכל: מענער | סך־הכל: פרויען | סך־הכל: סך־הכל |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 6) וואָס שלאָגן וואַקס | — | — | — | — | — | — | — | — | 1 | 4 | 3 | 7 | 1 | 4 | 3 | 7 |
| 7) פאַרבערס | — | — | — | — | — | — | — | — | 21 | 67 | 63 | 130 | 21 | 67 | 63 | 130 |
| סך־הכל אין גרופּע „א" | — | — | — | — | 1 | 3 | 2 | 5 | 29 | 91 | 90 | 181 | 30 | 94 | 92 | 186 |
| אין %% | 0,0 | | | | 2,7 | | | | 97,3 | | | | 100,0 | | | |
| ב. בעלי־מלאָכות און מייסטערס. | | | | | | | | | | | | | | | | |
| 1) יובעלירן | 5 | 8 | 9 | 17 | 19 | 49 | 46 | 95 | 29 | 76 | 71 | 147 | 53 | 133 | 126 | 259 |
| 2) גאָלדשמידן | — | — | — | — | 14 | 41 | 49 | 90 | 20 | 66 | 65 | 131 | 34 | 107 | 114 | 221 |
| 3) זייגערמאַכערס | — | — | — | — | 21 | 68 | 61 | 129 | 14 | 37 | 39 | 76 | 35 | 105 | 100 | 205 |
| 4) שניידערס | 6 | 11 | 14 | 25 | 102 | 379 | 335 | 714 | 145 | 418 | 423 | 841 | 253 | 808 | 772 | 1580 |
| 5) שמוקלערס | 4 | 9 | 7 | 16 | 53 | 151 | 158 | 309 | 35 | 127 | 119 | 246 | 92 | 287 | 284 | 571 |
| 6) פּעלצן־מאַכערס | — | — | — | — | 13 | 35 | 39 | 74 | 9 | 27 | 26 | 53 | 22 | 62 | 65 | 127 |
| 7) קירזשנער | — | — | — | — | 37 | 116 | 118 | 234 | 39 | 113 | 113 | 226 | 76 | 229 | 231 | 460 |
| 8) באַנדאַזשניקעס און הענטשקע־מאַכערס | — | — | — | — | 2 | 2 | 3 | 5 | 16 | 48 | 32 | 80 | 18 | 50 | 35 | 85 |
| 9) שוסטער | 2 | 3 | 3 | 6 | 101 | 288 | 265 | 553 | 99 | 284 | 282 | 566 | 202 | 575 | 550 | 1125 |
| 10) זאָטל־מאַכערס | 2 | 3 | 2 | 5 | 11 | 39 | 35 | 74 | 15 | 46 | 49 | 95 | 28 | 88 | 85 | 174 |
| 11) סטאָליאַרעס | — | — | — | — | 14 | 32 | 19 | 51 | 45 | 120 | 125 | 245 | 59 | 152 | 144 | 296 |
| 12) טאָקערס | 1 | 1 | 1 | 2 | 2 | 5 | 4 | 9 | 8 | 30 | 24 | 54 | 11 | 36 | 29 | 65 |
| 13) סטעלמאַכערס | — | — | — | — | 4 | 13 | 9 | 22 | 20 | 49 | 42 | 91 | 24 | 62 | 51 | 113 |
| 14) באָנדערס | — | — | — | — | 2 | 4 | 5 | 9 | 7 | 24 | 26 | 50 | 9 | 28 | 31 | 59 |
| 15) טשעסלערס | — | — | — | — | 3 | 14 | 13 | 27 | 27 | 78 | 71 | 149 | 30 | 92 | 84 | 176 |
| 16) לאַקירניקעס | — | — | — | — | 1 | 2 | 1 | 3 | 7 | 22 | 15 | 37 | 8 | 24 | 16 | 40 |
| 17) האָלץ־העקער | — | — | — | — | — | — | — | — | 47 | 111 | 98 | 209 | 47 | 111 | 98 | 209 |
| 18) שניצער | — | — | — | — | 4 | 12 | 16 | 28 | 5 | 14 | 18 | 32 | 9 | 26 | 34 | 60 |
| 19) שטוב־מאָלערס | — | — | — | — | 2 | 3 | 4 | 7 | 15 | 65 | 54 | 119 | 17 | 68 | 58 | 126 |
| 20) גלעזער | — | — | — | — | 1 | 1 | 3 | 4 | 26 | 74 | 79 | 153 | 27 | 75 | 82 | 157 |
| 21) קאָוואַלעס | — | — | — | — | 8 | 23 | 27 | 50 | 13 | 38 | 28 | 66 | 21 | 61 | 55 | 116 |
| 22) שלאָסער | — | — | — | — | 4 | 11 | 13 | 24 | 10 | 40 | 26 | 66 | 14 | 51 | 39 | 90 |
| 23) ביקסן־מאַכער | — | — | — | — | — | — | — | — | 3 | 9 | 12 | 21 | 3 | 9 | 12 | 21 |
| 24) מייסטערס פון שטאָל־ווערק | — | — | — | — | — | — | — | — | 2 | 5 | 4 | 9 | 2 | 5 | 4 | 9 |
| 25) בלעכערס | 2 | 3 | 4 | 7 | 7 | 23 | 21 | 44 | 15 | 37 | 38 | 75 | 24 | 63 | 63 | 126 |
| 26) מייסטערס פון בלעכענע, קופּערנע און צינערנע זאַכן | — | — | — | — | 1 | 2 | 2 | 4 | 17 | 64 | 62 | 126 | 18 | 66 | 64 | 130 |
| 27) קעסל־מאַכער | — | — | — | — | 1 | 4 | 3 | 7 | 22 | 64 | 67 | 131 | 23 | 68 | 70 | 138 |
| 28) שפּילקע־מאַכערס | — | — | — | — | — | — | — | — | 19 | 60 | 68 | 128 | 19 | 60 | 68 | 128 |

(המשך)

| סך־הכל: סך־הכל | סך־הכל: פרויען | סך־הכל: מענער | סך־הכל: די צאָל משפחות | אָרימע: סך־הכל | אָרימע: פרויען | אָרימע: מענער | אָרימע: די צאָל משפחות | מיטעלע: סך־הכל | מיטעלע: פרויען | מיטעלע: מענער | מיטעלע: די צאָל משפחות | רייכע: סך־הכל | רייכע: פרויען | רייכע: מענער | רייכע: די צאָל משפחות | סאָציאַלע גרופּעס / באַשעפטיגונגען |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 439 | 246 | 193 | 69 | 175 | 109 | 66 | 26 | 264 | 137 | 127 | 43 | — | — | — | — | 29) קצבים |
| 223 | 89 | 134 | 40 | 170 | 64 | 106 | 32 | 53 | 25 | 28 | 8 | — | — | — | — | 30) בעקערס |
| 204 | 97 | 107 | 36 | 80 | 34 | 46 | 18 | 117 | 59 | 58 | 16 | 7 | 4 | 3 | 2 | 31) גרויפּן־מאַכערס |
| 71 | 32 | 39 | 17 | 69 | 31 | 38 | 16 | 2 | 1 | 1 | 1 | — | — | — | — | 32) איינבינדער |
| 121 | 62 | 59 | 23 | 37 | 19 | 18 | 6 | 73 | 34 | 39 | 13 | 21 | 9 | 12 | 4 | 33) פאַבריקמאַכערס |
| 116 | 58 | 58 | 19 | 96 | 47 | 49 | 16 | 20 | 11 | 9 | 3 | — | — | — | — | 34) פאַרבערס |
| 127 | 60 | 67 | 21 | 93 | 47 | 46 | 14 | 30 | 12 | 18 | 6 | 4 | 1 | 3 | 1 | 35) וואַטן־מאַכער |
| 46 | 20 | 26 | 9 | 41 | 17 | 24 | 8 | 5 | 3 | 2 | 1 | — | — | — | — | 36) קעמעל־מאַכער |
| 134 | 68 | 66 | 22 | 70 | 36 | 34 | 11 | 59 | 29 | 30 | 9 | 5 | 3 | 2 | 2 | 37) שפּיגל־מאַכערס |
| 111 | 59 | 52 | 21 | 87 | 41 | 46 | 18 | 14 | 8 | 6 | 3 | — | — | — | — | 38) שטריק־מאַכערס |
| 26 | 14 | 12 | 4 | 21 | 11 | 10 | 3 | 5 | 3 | 2 | 1 | — | — | — | — | 39) פיאַנאָ־רעגולירער |
| 8484 | 4160 | 4324 | 1459 | 5161 | 2532 | 2629 | 897 | 3208 | 1571 | 1637 | 531 | 115 | 57 | 58 | 31 | סך־הכל אין גרופּע „ב" |
| 100,0 | | | | 60,8 | | | | 37,8 | | | | 1,4 | | | | אין % % |
| 70 | 36 | 34 | 8 | 70 | 36 | 34 | 8 | — | — | — | — | — | — | — | — | ג. פאַבריק־אַרבעטער |
| 100,0 | | | | 100,0 | | | | 0,0 | | | | 0,0 | | | | אין % % |
| 2660 | 1587 | 1073 | — | 2660 | 1587 | 1073 | — | — | — | — | — | — | — | — | — | ד. משרתים און דינסטן, וואָס שטעלן זיך אויפן יאָר |
| 100,0 | | | | 100,0 | | | | 0,0 | | | | 0,0 | | | | אין % % |
| 595 | 299 | 296 | 105 | 595 | 299 | 296 | 105 | — | — | — | — | — | — | — | — | ה. בעלי־עגלות |
| 100,0 | | | | 100,0 | | | | 0,0 | | | | 0,0 | | | | אין % % |
| 11995 | 6184 | 5811 | 1602 | 8667 | 4544 | 4123 | 1639 | 3213 | 1573 | 1640 | 532 | 115 | 57 | 58 | 31 | סך־הכל אין אָפּטייל „II" |
| 100,0 | | | | 72,3 | | | | 26,8 | | | | 0,9 | | | | אין % % |
| 4202 | 2111 | 2091 | 597 | 4202 | 2111 | 2091 | 597 | — | — | — | — | — | — | — | — | III. אָן באַשטימטע פּראָפעסיעס |
| 100,0 | | | | 100,0 | | | | 0,0 | | | | 0,0 | | | | אין % % |
| 6044 | 2995 | 3049 | 783 | 6044 | 2995 | 3049 | 783 | — | — | — | — | — | — | — | — | IV. טאָג־אַרבעטער |
| 100,0 | | | | 100,0 | | | | 0,0 | | | | 0,0 | | | | אין % % |
| 28637 | 14475 | 14162 | 4097 | 22331 | 11357 | 10974 | 3034 | 5174 | 2554 | 2620 | 866 | 1132 | 564 | 568 | 197 | אינגאַנצן |
| 100,0 | | | | 78,0 | | | | 18,1 | | | | 3,9 | | | | אין % % |

„זיי וואוינען זעהר ענג, אָפט עטליכע פאַמיליעס אין איינעם אָדער אין צוויי קליינטשיקע צימערלאך פון אַנ׳אַלט שטיבל, אַזוי אַז בײַנאַכט, ווען אַלע איינוואוינער זיינען אין דער היים, בלייבט ניט אויף דער פּאָדלאָגע קיין ליידיגער פּלאַץ צווישן די שלאָפנדיגע. א סך פון די דאָזיגע שטיבלאך זיינען צעטיילט דורך אַ קאָרידאָר אויף עטליכע קליינע קוואַרטירעס, וואו די קוואַרטיראַנטן מאַכן האַנט־פאַבריקלאַך אָדער וואַרשטאַטן, ווי אויף וואַקס שלאָנג, ליכט־זאַוואָדלאַך, לעדער־פאַבריקלאַך וכדומה; ס׳אַרבעט די גאַנצע פאַמיליע און דאָ טאַקע וואוינט מען אינאיינעם מיט די שטינקענדיגע מאַטעריאַלן און פּראָדוקטן".

די איינטיילונג אויף רייכע, מיטעלע און אָרימע איז אָבער שטאַרק פאַרשיידן בײַ באַזונדערע פּראָפעסיאָנעלע גרופּעס. אין פּראָצענטן האָט זיך דאָס אויסגעדריקט אויף אַזאַ אופן:

Berufsgruppierung und soziale Schichtung 1789 (in $^0/_0$).

| באַשעפטיגונג | רייכע | מיטעלע | אָרימע |
|---|---|---|---|
| באַנקירן, קאַפּיטאַליסטן און פאַבריקאַנטן | 67,9 | 32,1 | — |
| אַרענדאַרן | 87,1 | 4,0 | 8,9 |
| שיינקערס | 10,8 | 38,4 | 50,8 |
| קרעמער | 16,8 | 32,8 | 50,4 |
| קאָמיסיאָנערן | 37,6 | 62,4 | — |
| פאַקטאָרן | — | — | 100.0 |
| ליוועראַנטן | — | 57,0 | 43,0 |
| ס״ה בײַ פאַרמיטלער־קלאַסן | 15,9 | 30,7 | 53,4 |
| קליינע פאַבריקאַנטן | — | 2,7 | 97,3 |
| בעלי־מלאכות און מייסטערס | 1,4 | 37,8 | 60,8 |
| פאַבריק־אַרבעטער | — | — | 100,0 |
| משרתים און דינסטן | — | — | 100,0 |
| בעלי־עגלות | — | — | 100,0 |
| ס״ה בײַ די אַרבעטנדי׳ קלאַסן | 0,9 | 26.8 | 72,3 |
| אָן באַשטימטע פּראָפעסיעס | — | — | 100,0 |
| טאָג־אַרבעטער | — | — | 100,0 |
| אינגאַנצן | 3,9 | 18,1 | 78,0 |

מיר האָבן די גרופּע טאָג־אַרבעטער ניט אַריינגערעכנט אין דעם אָפּטייל פון אַרבעטנדיגע עלעמענטן צוליב דעם, וואָס זי רופט אַרויס בײַ אונז אַביסל חשד. דער מחבר, בײַ וועמען מיר נעמען די טאַבעלע, באַצייכנט די דאָזיגע גרופּע מיט די רוסישע ווערטער „זאַנימאַיושטשיעסיאַ פּאָדיאָננימי ראַבאָטאַמי", און ס׳איז זעהר מעגליך, אַז דאָ זיינען אַריין פאַרשיידענע עלעמענטן און אויך אַזעלכע, וואָס לעבן פון צופעליגע פאַרמיטלער־פּרנסות. ווארום ס׳איז שווער צו גלויבן, אַז העכער פון אַ פינפטל פון אַלע באַרדיטשעווער אידן (6044) האָבן דעמאָלט געצויגן חיונה פון שוואַרצע פיזישע טאָג־אַרבעט.

די נאָר וואָס געבראַכטע ציפערן גיבן זעהר אַ אינטערעסאַנט בילד וועגן דער עקאָנאָמישער לאַגע פון פאַרשיידענע פּראָפעסיאָנעלע גרופּעס. ראשית, זעהען מיר, אַז בײַ די פאַרמיטלער־קלאַסן זיינען געווען רייכע כמעט אַ זעקסטל (15,9) פון אַלע, וואָס געהערן צו די דאָזיגע גרופּעס, ווען צווישן די אַרבעטנדיגע קלאַסן זיינען רייכע געווען בסך־הכל ווייניגער פון איין פּראָצענט. וואַרפן מיר אַ בליק אין יעדער אָפּטייל אויף באַזונדערע פּראָפעסיאָנעלע גרופּעס, זעהען מיר, אַז צווישן די פאַרמיטלער קלאַסן זיינען געווען די רייכסטע די אַרענדאַרן און די באַנקירן, קאַפּיטאַליסטן און פאַבריקאַנטן; די אָרימסטע אין דעם אָפּטייל זיינען געווען די פאַקטאָרן און די ליוועראַנטן, ווען די קאָמיסיאָנערן זיינען באַשטאַנען בלויז פון רייכע און מיטעלע עלעמענטן. דער פאַקטאָר האָט געמעקלערט אויפן אָרט דעם פּרייז אַ קליינע קניה אָדער אַ נישטיקע מכירה און איז אָפּגעקומען; ס׳איז שוין אָבער צו יענער צייט געווען אין באַרדיטשעוו אַנ׳אַגענט פון אָדעסער פירמעס, וואָס פלעגט אויפקויפן גרויסע פּאַרטיעס תבואה פאַר זיין פירמע; ס׳איז געווען אַ קאָמיסיאָנער, וואָס האָט באַזאָרגט די פּילע פּראָווינציעלע קונים מיט באַרדיטשעווער סחורות — אָט די דאָזיגע קאָמיסיאָנערן, די קינדער פון דער נייער קאַפּיטאַליסטישער צייט און ניט די ירושה פונם אַמאָליגן פּריציש־שליאַכטישן סדר, ווי די פאַקטאָרן זיינען דאָס געווען, אָט זיי האָבן געהאַט גאַנץ שיין פּרנסה, באַזונדערס אין דער ערשטער צייט, אין דער ערשטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט.

אין דעם אָפּטייל פון אַרבעטנדיגע קלאַסן וואַרפט זיך אין די אויגן דער פאַקט, וואָס די קליינע פאַבריקאַנטן גיבן אַ סך ווייניגער רייכע און מיטעלע עלעמענטן, ווי די בעלי־מלאכות. ווייזט אויס, אַז שוין דעמאָלט זיינען געווען צווישן די בעלי־מלאכות אַזעלכע, וואָס האָבן פיין פאַרדינט, ווען די קליין־פאַבריקאַציע האָט ערשט אָנגעהויבן זיך אַנטוויקלען און אירע ערשטע פּיאָנערן זיינען געווען ניט קיין נגידים. כּדי צו האָבן אַ באַגריף, וואָס דאָס זיינען געווען פאַר פאַבריקאַנטן וועלן מיר ברענגען דאַטן וועגן דעם יערליכן אומזאַץ פון צוויי באַרדיטשעווער זייף־זאַוואָדן. איינער פון זיי איז געגרינדעט געוואָרן אין 1833־טן יאָר און זיין איינריכטן האָט באַטראָפן 3000 רובל; דער צווייטער איז אויפגעבויט געוואָרן אין 1834־טן יאָר און זיין אויפשטעלן האָט געקאָסט 2100 רובל. אויסגעאַרבעט האָבן בײדע זאַוואָדן צום סוף פון העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט בערך 5200 פּוד זייף, וואָס האָבן באַטראָפן אַביסל מער פון עלף טויזנט רובל. אינגאַנצן האָבן געאַרבעט אויף בײדע זאַוואָדן שטענדיגע פינף אַרבעטער, וואָס יעדער פון זיי פלעגט באַקומען פון 50 ביז 75 רובל אַ יאָר. אָט זיינען ידיעות וועגן אַ ליכט־זאַוואָד, וואָס האָט אויך געהערט אַ אידן און וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין 1838־טן יאָר. דער דאָזיגער זאַוואָד האָט אין פינף יאָר (1844 — 48) אויסגעאַרבעט 31 טויזנט פּוד ליכט, וועלכע האָבן באַטראָפן 135 טויזנט רובל און וואָס האָבן דעם זאַוואָד געקאָסט 127,075 רובל. ריינער ריוח פאַר פינף יאָר (1844—48) איז געווען אויף אַזאַ אופן 7,925 רובל אָדער 1585 רובל יאָרליך.

די נאָר וואָס געבראַכטע ידיעות מאָלן אונז געוויס די רייכסטע פאָרשטייער פון דער קליין־פאַבריקאַציע, ווארום ריינער ריוח פון 1585 רובל אַ יאָר איז געווען צו יענער צייט ניט קיין קליינער פאַרדינסט און אַ קאַפּיטאַל פון עטליכע טויזנט רובל, וואָס האָט געמוזט שטענדיג ליגן אינם זאַוואָד און אין די מאַטעריאַלן, האָט דעמאָלט שוין באַטייט אַ געוויסע מדרגה פון עשירות.

לאָמיר זעהן, פון וואָסערע סאָציאַלע גרופּעס איז באַשטאַנען די באַרדיטשעווער אידישע קהלה. נעמען מיר די אָפּטיילן, וואָס זיינען אָנגעוויזן אין דער טאַבעלע, זעהען מיר, אַז די פאַרמיטלער־קלאַסן בילדן 22,3 פּראָצענט; די אַרבעטנדיגע קלאַסן (אָן די טאָג־אַרבעטער) — 41,9 פּראָצענט; אָן באַשטימטע פּראָפעסיעס — 14,7 און די טאָג־אַרבעטער — 21,1 פּראָצענט.

לויט די דאָזיגע דאַטן קומט אויס, אַז אין די פופציגער יאָרן האָבן די אַרבעטנדיגע עלעמענטן געבילדעט אַ גרויסע מערהייט צווישן די באַרדיטשעווער אידן. אין פאַרגלייך מיט׳ן סוף פון

18=טן יאָרהונדערט איז דאָס ממש אַ גאַנצע איבערקערעניש — אין 1789=טן יאָר האָבן די פּאַרמיטלער=עלעמענטן אויסגעמאַכט מער פון 70 פּראָצענט און די אַרבעטנדיגע סך=הכּל אַ פערטל פון אַלע אידן; שפּעטער מיט 60 יאָר מאַכן שוין אויס די פּאַרמיטלער=קלאַסן ווייניגער פון אַ פערטל און די אַרבעטנדיגע עלעמענטן מער פון אַ העלפט (מיט אַ טייל פון די טאָג=אַרבעטער). די דאָזיגע ערשיינונג ווערט אונז קלאָר, ווען מיר דערמאָנען זיך, אַז באַרדיטשעוו איז געווען אין דער ערשטער העלפט פון 19=טן יאָרהונדערט דאָס, וואָס וואַרשע איז געוואָרן אין דער צווייטער העלפט — דער צענטער פון דער הויז=אינדוסטריע. פאַרשטייט זיך, אַז אין כּמות, אין פינאַנציעלן אומקער, קאָן מען ניט פאַרגלייכן די צוויי ערטער. נאָר נעמט מען דעם מאַסשטאַב פון יענער צייט, מוז מען קומען צום אויספיר, אַז באַרדיטשעוו האָט בערך פאַרקויפט פאַר דער פּראָווינץ אַ סך אויסגעאַרבעטע אויפן אָרט פּראָדוקטן. ווי מיר וועלן זעהן שפּעטער פון די דאַטן פון 1897=טן יאָר האָט די ווייטערדיגע אַנטוויקלונג געפירט דערצו, אַז דער פּאַרמיטלער=עלעמענט איז אין דער צווייטער העלפט פון 19=טן יאָרהונדערט שטאַרקער אויסגעוואַקסן, ווי די אַרבעטנדיגע קלאַסן. באַרדיטשעוו האָט אָנגעהויבן פאַרקויפן אַ סך מער פרעמדע סחורות, וואַרשעווער, מאָסקווער און אויסלענדישע, איידער אויסאַרבעטן אייגענע.

מיר גייען איבער צו די באַזונדערע גרופּעס. מיר וועלן זיך ניט אָפּשטעלן אויף אַלע גרופּעס, ווייל צו אַ סך פון זיי וועט אונז נאָך אויסקומען זיך אומקערן, ווען מיר וועלן רעדן וועגן די דאַטן פון 1897=טן יאָר.

די גרופּע אַרענדאַרן שטעלט פאָר מיט זיך אַ באַזונדערן היסטאָרישן אינטערעס — אין 1897=טן יאָר האָט זי שוין אין לעבן געפעלט. ווי מיר זעהען פון די טאַבעלע האָבן געלעבט אין 1849 פון אַרענדאַריי סך=הכּל 124 נפשות — די דאָזיגע גרופּע האָט אָבער פאַרנומען אַ וויכטיגן אָרט אין לעבן און האָט געשפּילט אַ סך אַ גרעסערע ראָלע ווי איר איז געקומען לויט איר צאָל. כּדי צו באַקומען אַ פאָרשטעלונג וועגן די הכנסות פון די אַרענדעס פון די גוטס=באַזיצער — די בעלי=בתּים פון באַרדיטשעוו, וועלן מיר ברענגען פאָלגנדיגע ציפערן:

די הכנסות פון די פּריצים פון אַרענדעס פאַר 10 יאָר (1839-1848).

Die Einnahmen der Gutsbesitzer von den Pächtern in zehn Jahren (1839—1848).

| אַרענדעס | די סומע געלט: רובלען | די סומע געלט: קאָפּ. |
|---|---|---|
| משקאות | 392,069 | 87 |
| וואָג | 18,500 | 41 |
| האַנדל־שטייער | 102,409 | 95 |
| ליכט | 45,882 | 36 |
| מילן | 32,337 | 57 |
| פיש־געפאַנג | 1,352 | 27 |
| ביר־קאָכן און אייזן־פאַרקויף | 82,649 | 38 |
| שחיטה | 1,810 | 20 |
| טראַקטירן, פּאַשע און אַנדערע | 26,641 | 50 |
| פּלאַטקעס אויף צו פאַרקויפן דזשעגעכץ און פאַר די פּלעצער, וואָס זיינען פאַרנומען פון בעקערס און איבערקויפערס | 20,592 | – |
| הייזער צינז | 61,541 | 85 |
| אויסאַרבעטונג פון ציגל | 6,150 | 90 |
| סך־הכּל | 791,938 | 29 |

דורכשניטליך האָבן געהאַט די בעלי=בתּים פון דער שטאָט באַרדיטשעוו יערליך הכנסה פון אַרענדעס — 79,193 רובל.

כמעט אַ גאַנצע העלפט פון דעם אַרענדע=געלט איז אַריינגעפאַלן פאַרן אַרענדירן דעם פאַרקויף פון משקאות. דער האַנדל מיט בראָנפן און מיט אַנדערע שטאַרקע משקאות, שוין ניט רעדנדיג וועגן דער שיינקעריי, איז געלעגן כמעט אויסשליסליך אין אידישע הענט. אין גאַנץ קיעווער גובערניע, למשל, איז פאַרקויפט געוואָרן פון די גוט=באַזיצער, וואָס זיי זיינען געווען די בעלי=בתּים פון די גוראַלניעס, אין 1847=טן יאָר — 1,026,356 עמער בראָנפן. פון דעם איז דורכגעגאַנגען דורך אידישע הענט 710,162 עמער אָדער 70 פּראָצענט.

די שיינקעריי, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, איז נאָך דעמאָלט געווען כמעט אויסשליסליך אַ אידישע פּרנסה און האָט נאָך פאַרנומען אַ בכבודיגן אָרט אין אידישן לעבן. אין פאַרגלייך אָבער מיט 1789=טן יאָר האָט די שיינקעריי אַ סך פאַרלאָרן. אין 1789=טן יאָר האָבן געלעבט פון שיינקעריי כמעט אַ גאַנץ פערטל פון דער אידישער קהלה (24,3 פּראָצענט) און אין 1849=טן האָבן געהאַט חיונה פון דער דאָזיגער מיאוסער פּרנסה סך=הכּל 6,3 פּראָצענט פון אַלע באַרדיטשעווער אידן. וועגן אַלע איבעריגע פּראָפעסיאָנעלע גרופּעס וועלן מיר רעדן שפּעטער אין צוזאַמענהאַנג מיט די דאַטן פון 1897=טן יאָר.

III

איידער מיר גייען איבער צו טאַבעלע II, וואָס גיט אונז די באַשעפטיגונגען פון די באַרדיטשעווער אידן אין 1897=טן יאָר, וועלן מיר ברענגען די ידיעות וועגן געשלעכט= און עלטער=צוזאַמענשטעל פון די באַרדיטשעווער אידן אין דעם דאָזיגן יאָר.

די באַרדיטשעווער אידן לויט געשלעכט און עלטער (1897).

Die Juden in Berditschew nach Geschlecht und Alter

a) absolut.

| עלטער \ געשלעכט | מענער | פרויען | סך־הכּל |
|---|---|---|---|
| אינגער פון 1 יאָר | 637 | 588 | 1225 |
| פון 1 ביז 9 „ | 4612 | 4652 | 9264 |
| „ 10 „ 19 „ | 4431 | 5439 | 9870 |
| „ 20 „ 29 „ | 3217 | 3707 | 6924 |
| „ 30 „ 39 „ | 2240 | 2528 | 4768 |
| „ 40 „ 49 „ | 1775 | 1971 | 3746 |
| „ 50 „ 59 „ | 1277 | 1561 | 2838 |
| 60 יאָר און מער | 1263 | 1217 | 2480 |
| פון אומבאַקאַנטן עלטער | 3 | 7 | 10 |
| אינגאַנצן | 19,455 | 21,670 | 41125 |

די אַלגעמיינע צאָל אידן, וואָס ווערט דאָ אָנגעוויזן, פאַלט ניט צונויף מיט דער גאָר אין אָנהויב אַרטיקל אָנגעגעבענער ציפער. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס דאָרט ווערט גענומען די צאָל אידן פון אידישן גלויבן און ביים איינטיילן די אידן לויט געשלעכט און עלטער, ווי אויך בּאַ די באַשעפטיגונגען, ווערן שוין גערעכנט נאָר די אידן, וואָס האָבן אָנגעגעבן אידיש פאַר זייער מוטער=שפּראַך.

די נאָר וואָס געבראַכטע ציפערן וועלן באַקומען מער אינהאַלט און זין, ווען מיר וועלן אויסרעכענען, וויפיל קומט אויס

פרויען אויף הונדערט מענער אין יעדער עלטער=גרופּע באַזונדער.

איף הונדערט מענער זיינען געווען פרויען:

די צאָל פרויען אויף הונדערט מענער אין יעדער עלטער־גרופּע

b) in Relativziffern

| עלטער־גרופּעס | אין באַרדיטשעוו | אין קיעווער גובערניע |
|---|---|---|
| אינגער פון 1 יאָר | 92,3 | 94 |
| פון 1 ביז 9 „ | 100,8 | 101 |
| „ 10 „ 19 „ | 122,7 | 119 |
| „ 20 „ 29 „ | 115,2 | 109 |
| „ 30 „ 39 „ | 112,4 | 103 |
| „ 40 „ 49 „ | 111,0 | 109 |
| „ 50 „ 59 „ | 122,2 | 107 |
| 60 יאָר און מער | 96,4 | 90 |
| פון אומבאַקאַנטן עלטער · | 233,3 | 106 |
| סך־הכל | 111,4 | 107 |

פון די דאָזיגע ציפערן ווערט קלאָר, ווי גרויס איז דער אָפּפאָר פון באַרדיטשעוו גראַדע פון די עלעמענטן, וואָס רעכענען זיך פאַר די פּראָדוקטיווסטע. ווארום דאָס, וואָס אין דער עלטער=גרופּע פון 10 ביז 19 יאָר איז דאָ אַזאַ גרויסע צאָל פרויען אָדער אזוי ווייניג מענער דערקלערט זיך אויך געוויס נאָר דערמיט, וואָס די אידישע יונגט פון 15 און 16 יאָר אָן נימט גאָר אַ גרויסן פּראָצענט עמיגראַנטן.

לאָמיר צוגעהן צו די באַשעפטיגונגען פון די באַרדיטשעווער אידן אין 1897=טן יאָר. וואַרפט מען אַ קוק אויף דער טאַבעלע II אפילו נאָר אויבנאויפיג, באַמערקט מען, אַז פאַר די פאַרגאַנגענע פון 1849=טן יאָר 48 יאָר האָט די ריפּערענציאַציע פון דער אידישער באַפעלקערונג געמאַכט גרויסע שריט פאָראויס. די אידישע קהלה פון באַרדיטשעוו האָט שוין צו דער העלפט פון 19=טן יאָרהונדערט פאַרמאָגט אַלע סאָציאַלע עלעמענטן, וועלכע האָבן אין דער צווייטער העלפט פון דאָזיגן יאָרהונדערט זיך ווייטער אַנטוויקלט און דער עיקר ניט אַזוי אין דער ברייט, ווי אין דער טיף. די צוויי כאַראַקטעריסטישע סימנים פון דער אַנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם — דאָס אויפקומען פון דער גרויס=בורזשואַזיע און פונם אַרבעטער=קלאַס — טרעטן דאָ פאַר אונז אַרויס גענוג קלאָר. אמת, בנוגע צו דער צאָל אידישע פאַבריק=אַרבעטער זיינען נימאָ קיין גענויע ידיעות וועגן 1897=טן יאָר; ס'איז אָבער קלאָר, אַז פון די העכער 14 טויזנט נפשות, וואָס האָבן געלעבט פון אינדוסטריע אין דעם דאָזיגן יאָר, זיינען געווען ניט ווייניגער פון צוויי טויזנט, וואָס האָבן געהאַט חיונה פון פאַבריק=אַרבעט, ווען אין 1849=טן יאָר זיינען געווען אַזעלכע נאָר 70 נפשות. בנוגע צו דער גרויס=בורזשואַזיע האָבן מיר דערפאַר זעהר אינטערעסאַנטע ציפערן. אַזוי, האָבן געלעבט פון פּרנסה פון קאַפּיטאַל, פון הייזער, פון ערד וכדומה:

1) אין 1849=טן יאָר — 22 נפשות.
2) אין 1897=טן יאָר — 1450 נפשות.

פון יעדע 10,000 אידישע נפשות פון באַרדיטשעווער קהלה האָבן געלעבט פון די נאָרוואָס אָנגעוויזענע הכנסות:

1) אין 1849=טן יאָר — 8 נפשות
2) אין 1897=טן יאָר — 352 נפשות.

ס'זיינען גענוג די נאָר וואָס געבראַכטע ציפערן, אַז ס'זאָל זיין קלאָר פאַר אונז, ווי טיף די קלאַסן=דיפערענציאַציע האָט זיך אַנט=

הויקלט פאַרן צווייטן האַלבן יאָרהונדערט. די דאָזיגע ערשיינונג ווערט אויך באַשטעטיגט פון דער רובריק ליבעראַלע פּראָפעסיעס. אין 1849=טן יאָר פעלט אינגאַנצן די דאָזיגע רובריק; דאָס הייסט ניט, אַז זי האָט אינגאַנצן געפעלט אין לעבן — מסתמא זיינען דעמאָלט אויך געווען אין באַרדיטשעוו אַ פּאָר אידישע דאָקטוירים, שוין ניט רעדנדיג וועגן מלמדים, וועלכע זיינען געוויס געווען ניט ווייניג. די דאָזיגע גרופּע האָט אָבער דעמאָלט ניט געשפּילט קיין שום ראָלע אין אידישן לעבן, באַזונדערס אין עקאָנאָמישן. אין 1897=טן אָבער האָבן שוין געלעבט אין באַרדיטשעוו פון ליבעראַלע פּראָפעסיעס ביז 1500 נפשות און אין קלמרעלן זינען איז זייער וואָג און ווירקונג געוויס געווען אַ סך גרעסער, ווי פון אַנדערע גרעסערע גרופּעס.

לאָמיר פאַרגלייכן איניגע פּראָפעסיאָנעלע גרופּעס אין 1849=טן און אין 1897=טן, ווארום ערשט דעמאָלט ווערט קלאָר דער אמתער כאַראַקטער פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון באַרדיטשעווער אידן. אין טאַבעלע III ווערן געבראַכט די דאָזיגע דאַטן.

פון דער דאָזיגער טאַבעלע זעהען מיר, אַז אין אינדוסטריע זיינען געווען פאַרנומען פון יעדע 10,000 אידן:

1) אין 1849=טן יאָר — 3064
2) אין 1897=טן יאָר — 3428.

דער צוואַקס איז ניט זעהר קיין גרויסער; ער איז קלענער, ווי דער צוואַקס בּאַ דער האַנדלס=גרופּע, בּאַ וועלכער די אַנטשפּרעכנדיגע דאַטן זיינען 2408 און 3495. מיר האָבן שוין העכער אָנגעוויזן, פאַר וואָס אין באַרדיטשעוו איז אין צווייטער העלפט פון 19=טן יאָרהונדערט מער אויסגעוואַקסן דער האַנדלס=קלאַס. די טאַבעלע III אילוסטרירט זעהר גוט די דאָזיגע מיינונג, אַז באַרדיטשעוו האָט אַ סך אַרטיקלען אויפגעהערט אויסאַרבעטן אין אירע אייגענע וואַרשטאַטן און האָט אָנגעהויבן אַריינפירן די אייגענע אַרטיקלען פון דער פרעמד.

נעמען מיר, למשל, די נומערן 19 און 20 פון דעם אינדוסטריע=אָפּטייל — אינסטרומענטן, זייגערס, יובעליר=אַרבעט, לוקסוס=זאַכן און אַנדערע — און פאַרגלייכן מיטן נומער 42 פון האַנדל=אָפּטייל, וואָס אַנטשפּרעכט פולשטענדיג די דערמאָנטע נומערן. מיר זעהען, אַז די צאָל מענשן, וואָס האָבן געלעבט פון אויסאַרבעטן אַזעלכע פּראָדוקטן, האָט זיך אפילו אַבסאָלוט פאַרקלענערט — פון 711 אויף 624 —, ווען די צאָל מענשן, וואָס האָבן געהאַט חיונה פון האַנדלען מיט די דאָזיגע פּראָדוקטן, האָט זיך פאַרגרעסערט צוויי מאָל — פון 238 ביז 615. פאַרגלייכן מיר די ציפער, וואָס ווייזן אונז די אויסאַרבעטונג פון קליידער און דעם האַנדל מיט מאַנופאַקטור און קליידער, זעהען מיר, אַז ווען די אויסאַרבעטונג פון קליידער האָט זיך פאַרגרעסערט סך=הכל אויף 23,1 פּראָצענט, האָט זיך דער האַנדל מיט מאַנופאַקטור און פאַרטיגע קליידער פאַרגרעסערט אויף 181 פּראָצענט. און ס'איז גאָר קיין ספק ניט, אַז אויסגעוואַקסן איז ניט נאָר דער מאַנופאַקטור=האַנדל, נאָר אויך דאָס אַריינפירן פון גרייטע וועש און קליידער פון וואַרשע און מאָסקווע.

די געבראַכטע צוויי אינדוסטריע=גרופּעס זיינען באַזונדער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער הויז=אינדוסטריע, וואָס האָט זיך אַזוי צעוואַקסן אין וואַרשע, און פון זייער צושטאַנד אין באַרדיטשעוו אין 1849=טן יאָר און אין 1897=טן ווערט קלאָר, אַז באַרדיטשעוו האָט אין דער ערשטער העלפט פון 19=טן יאָרהונדערט מער אויסגעאַרבעט פון די דאָזיגע פּראָדוקטן און אין דער צווייטער העלפט פונם דאָזיגן יאָרהונדערט מער געהאַנדלט מיט די דאָזיגע זאַכן.

טאַבעלע III

# די באַשעפטיגונגען פון די אידן אין באַרדיטשעוו

אין 1849־טן און אין 1897־טן יאָר

## Die Berufe der Juden in Berditschew

**Im Jahre 1849 und 1897**

| [illegible] | באַשעפטיגונגען | אין 1849-טן יאָר | אין 1897-טן יאָר | צוואַקס פון 1849-טן ביז 1897-טן יאָר: אין אַבסאָלוטע צאָלן | צוואַקס פון 1849-טן ביז 1897-טן יאָר: אין %% | פון יעדע 1000 פון דער אידישער באַפעלקערונג האָבן געלעבט פון די אָנגעוויזענע פראָפעסיעס אין: 1849-טן יאָר | פון יעדע 1000 ...: 1897-טן יאָר |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 8 | טעקסטיל-אינדוסטריע | 152 | 631 | + 479 | + 315,1 | 53 | 154 |
| 9 | אינדוסטריע פון פעל, לעדער, חזיר-האָר און אַנד. . . | 220 | 1394 | +1174 | + 533,6 | 77 | 338 |
| 10 | אויסאַרבעטן פון האָלץ-פּראָדוקטן . . . . . . . . | 1018 | 1423 | + 405 | + 39,8 | 356 | 346 |
| 11 | „ „ מעטאַל- . . . . . . . . | 758 | 845 | + 87 | + 11,5 | 265 | 266 |
| 12 | „ „ מינעראַל- . . . . . . . . | 134 | 57 | — 77 | — 57,5 | 47 | 14 |
| 13 | כעמישע אינדוסטריע . . . . . . . . . | 32 | 259 | + 227 | + 709,4 | 11 | 63 |
| 14 | ספּירט-און ביר-פּראָדוקציע . . . . . . . . | 5 | 63 | + 58 | +1160,0 | 2 | 15 |
| 16 | שפּייז-פּראָדוקציע . . . . . . . . . | 885 | 762 | — 123 | — 13,9 | 309 | 185 |
| 17 | טאַבאַק-אינדוסטריע. . . . . . . . . | 64 | 347 | + 283 | + 442,2 | 22 | 84 |
| 18 | פּאָליגראַפישע און פּאַפּיר-אינדוסטריע. . . . . . . . | 71 | 404 | + 333 | + 469,0 | 25 | 98 |
| 19 | פיזישע, כעמישע, כירורגישע אינסטרומענטן, זייגערס און שפּילעכלאַך . . . . . . . . . . . | 231 | 157 | — 74 | — 32,0 | 81 | 38 |
| 20 | יובעליר-אַרבעט, מאַלעריי, לוקסוס- און קולטזאַכן . . | 480 | 467 | — 13 | — 2,7 | 168 | 114 |
| 21 | קליידער-אינדוסטריע . . . . . . . . . | 4321 | 5321 | +1000 | + 23,1 | 1509 | 1294 |
| 22 | בוי-אַרבעט . . . . . . . . . . . | 283 | 1632 | +1349 | + 476,7 | 99 | 397 |
| 25 | היגיענע-אונטערנעמונגען (שערער, בעדער און אַנד.) . | 121 | 337 | + 216 | + 178,5 | 42 | 82 |
| | סך־הכל אין אינדוסטריע | 8775 | 14099 | +5324 | + 60,7 | 3064 | 3428 |
| 28 | אָרטיגער טראַנספּאָרט (בעלי-עגלות און אַנד.) . . . . | 595 | 892 | + 297 | + 49,9 | 208 | 217 |
| 31 | קרעדיט-אַנשטאַלטן און געזעלשאַפטליכע קאָמערציעלע אינסטיטוציעס . . . . . . . . . . . | 96 | 227 | + 131 | + 136,5 | 33 | 55 |
| 32 | פאַרמיטלעריי . . . . . . . . . . | 1318 | 1064 | — 254 | — 19,3 | 460 | 259 |
| 35 | ברויט-מסחר . . . . . . . . . . . | 61 | 795 | + 734 | +1203,3 | 21 | 193 |
| 36 | האַנדל מיט אַנדערע אַגראַר-פּראָדוקטן . . . . . . | 746 | 3851 | +3105 | + 416,2 | 257 | 936 |
| 37 | „ „ געהילץ און מיט האָלץ . . . . . . . | 258 | 961 | + 703 | + 272,4 | 90 | 234 |
| 39 | „ „ מעטאַל-סחורות, מאַשינעס און געווער . . | 180 | 445 | + 265 | + 147,2 | 63 | 108 |
| 40 | „ „ מאַנופאַקטור . . . . . . . . | 1396 | 3923 | +2527 | + 181,0 | 487 | 954 |
| 41 | „ „ לעדער און רויכוואַרג . . . . . . . | 204 | 1023 | + 819 | + 401,5 | 71 | 249 |
| 42 | „ „ לוקסוס, קונסט-, און קולטזאַכן און וויסענשאַפטליכע אינסטרומענטין . . . . . . . | 238 | 615 | + 377 | + 158,4 | 83 | 149 |
| 45 און 46 | טראַקטירן און שענקען . . . . . . . . . | 1805 | 578 | —1227 | — 68,0 | 630 | 141 |
| | סך־הכל אין האַנדל | 6897 | 14374 | +7477 | + 108,4 | 2408 | 3495 |
| 47 | פערסאָנאַל און אָנגעשטעלטע אין פּריוואַטע אונטערנעמונגען און פלערליי דינסט און טאָגאַרבעטער . | 2660 | 3456 | + 796 | + 29,9 | 929 | 840 |
| 59 | מענשן, וואָס לעבן פון הכנסה פון קאַפּיטאַל, הייזער, ערד, אָדער אויף מיטלען, וואָס זיי באַקומען פון עלטערן און קרובים . . . . . . . . | 22 | 1450 | +1428 | +6490,9 | 8 | 352 |

פון דער טאַבעלע III קאָן מען אויך זעהען, אין וואָסערע פּראָדוקציאָנס־צווייגן באַרדיטשעוו האָט געמאַכט ערפאָלג אין דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט. נעמען מיר № 9 — די אויסאַרבעטונג פון פעל, לעדער, הויט־האָר און אַנדערע, זעהען מיר, אַז פון 1849־טן ביז 1897 האָט זיך די צאָל מענשן, וואָס לעבן פון דער דאָזיגער אויסאַרבעטונג, פאַרגרעסערט מער ווי פינף מאָל — פון 220 ביז 1394. אין דער דאָזיגער גרופּע גייען אַריין די לעדער־ און בערשטל־פאַבריקאַציע און אין די דאָזיגע ביידע פאַבריקאַציעס באַזונדערס אין דער ערשטער, האָט באַרדיטשעוו אַ סך אויפגעטאָן פאַר די לעצטע צענדליגע יאָרן. בנוגע צו די לעדער־אַרטיקלען איז אויך דער מסחר מיט זיי אויסגעוואַקסן מער ווי פיר מאָל.

אינטערעסאַנט איז, וואָס די צאָל אידן, וואָס זיינען פאַרנומען אין דער מעטאַל־אינדוסטריע, האָט זיך פאַר דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט כמעט ווי ניט פאַרגרעסערט, ווען ס'איז גאָר קיין ספק ניט, אַז פאַר דעם דאָזיגן פעריאָד צייט איז געוויס שטאַרק אויסגעוואַקסן די צאָל פון די אידישע שלאָסערס און קאָוואַלעס. דאָס קאָן מען דערקלערן נאָר דערמיט, וואָס פאַר דער אייגענער צייט זיינען אָפּגעשטאָרבן אייניגע אַרבעטן, וועלכע זיינען אַריבער צו דער פאַבריק, ווי אויסאַרבעטן שפּילקעס און ביקסן ופּדומה, און אין 1849־טן יאָר האָבן זיי באַשעפטיגט אין באַרדיטשעוו ניט ווייניג אידישע הענט.

זעהר אַ אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל טראָגט אין זיך די האַנדל־גרופּע.

נומער 32 ווייזט אונז, אַז די צאָל נפשות, וואָס לעבן פון פאַרמיטלעריי אין ענגן זינען פון וואָרט — פאַקטאָריי, מעקלעריי, קאָמיסיאָנעריי, אַרענדע ופּדומה — האָט זיך אַבסאָלוט פאַרקלענערט פון 1318 ביז 1064. ס'איז גאָר קיין ספק ניט, אַז דאָ איז פאָרגעקומען אַ טיפער שנוי ניט נאָר אין כמות, נאָר אויך אין איכות — אויב אין 1849־טן יאָר האָבן אין דער דאָזיגער גרופּע פאַרנומען דעם אויבן־אָן דער אַלט־מאָדישער פּריציש־שליאַכטישער פאַקטאָר, פאַרנעמען שוין אין 1897־טן יאָר דאָס דאָזיגע אָרט דער מאָדערנער קאַפּיטאַליסטיש־אינדוסטריעלער קאָמיסיאָנער און וואַיאַזשער. אין 1849־טן יאָר האָבן געהאַט הכנסה פון פאַקטאָריי, אַרענדע און מעקלעריי 4,60 פּראָצענט פון אַלע באַרדיטשעווער אידן און שפּעטער מיט 48 יאָר שוין נאָר 2,59 פּראָצענט, אי דאָס פון קאָמיסיאָנעריי און אַגענטור, וואָס זיינען דאָך אַ העכערע מדרגה הן אין עקאָנאָמישן הן אין קולטורעלן זינען, ווי דאָס אַמאָליגע פאַקטאָרן.

אויסגעוואַקסן איז שטאַרק דער ברויט־מסחר — מער ווי צוויי מאָל. ס'זיינען פאַראַן גענוג ידיעות, אַז שוין אין דער ערשטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט איז דער ברויט מסחר אין באַרדיטשעווער אויעזד געווען כמעט אויסשליסליך אין אידישע הענט. אַזוי פון 2,967,650 רובל, וואָס איז געלייזט געוואָרן פאַר תבואה אין קיעווער גובערניע אין 1847־טן יאָר, איז אָנגעקומען אויף די אידישע תבואה־סוחרים 1,720,250 רובל אָדער 58,0 פּראָצענט; אין באַרדיטשעווער אויעזד איז אין דעם אייגענעם יאָר אָנגעקומען פון אַ פּדיון פון 419,450 רובל אויף אידישע ברויט־הענדלער — 385,000 אָדער 91,1 פּראָצענט. דער ברויט־האַנדל איז אָבער נאָך דער באַפרייאונג פונם פויערטום אַזוי שטאַרק אויסגעוואַקסן, אַז ס'איז קיין חדוש ניט, וואָס אין 1897־טן יאָר האָט דער דאָזיגער מסחר געשפּילט אַ סך אַ גרעסערע ראָלע אין לעבן פון די באַרדיטשעווער אידן, ווי אין 1849־טן יאָר.

די צאָל אידן, וואָס האַלטן טראַקטירן און שיינקען, האָט זיך פון 1849־טן יאָר ביז 1897־טן יאָר פאַרקלענערט פון 1805 ביז 578, **מער ווי דריי מאָל**.

פון שיינקעריי האָבן געלעבט באַ די באַרדיטשעווער אידן:

1) אין 1789־טן יאָר — 24,3 %
2) אין 1849־טן יאָר — 6,30%
3) אין 1897־טן יאָר — 1,41%

אָט די דריי קליינע שורה'לאַך שפּיגלען אָפּ אין זיך און סימבאָליזירן די עקאָנאָמישע רעוואָלוציע, וואָס איז פאָרגעקומען אין אידישן לעבן אין 19־טן יאָרהונדערט. פונם שיינק האָט נעצויגן הכנסה צום סוף פון 18־טן יאָרהונדערט **אַ גאַנץ פערטל** פון דער אידישער באַרדיטשעווער באַפעלקערונג און צום סוף פון 19־טן יאָרהונדערט בסך־הכל **איין זיבציגסטל**.

מיר האָבן אין אָנהויב אַרטיקל געזאָגט, אַז מיר קלייבן זיך ניט געבן אַ גאַנץ בילד פון לעבן פון באַרדיטשעווער אידן פאַר די פאַרגאַנגענע 130 יאָר — דערצו פאָדערט זיך נאָך אַ סך מאַטעריאַל, וואָס מוז צונויפגענומען ווערן אויפן אָרט. מיר ווילן נאָר האָפן, אַז אונזערע מאַטעריאַלן וועלן דערוועקן, וואָס פאַר אַ גרויסן אינטערעס ס'שטעלט מיט זיך פאָר די געשיכטע פון באַרדיטשעווער קהלה און וועלן אפשר מאַכן גרינגער די ווייטערדיגע אַרבעט אין דער ריכטונג.

---

## קוועלן:

1) Архивъ Юго-западной Россіи, часть пятая томъ II, вып. 1 и 2-ой. Переписи еврейскаго населенія въ юго-западномъ краѣ въ 1765—1791 гг.

2) Ив. Фундуклей: Статистическое описаніе Кіевской губ. 1852 г. Три части.

3) Всероссійская Перепись 1897 года.

4) Б. Бруцкусъ: Статистика еврейскаго населенія. С.-Петербургъ 1909 г.